בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# גִּלָּיוֹן שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קל"ו

פרשת ויגש
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### עֲבוֹדַת הַחִינּוּךְ אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה אַז מִיר קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "**בַּיי מִיר אִיז עֲבוֹדַת הַחִינּוּךְ אַזוֹי גְרוֹיס - אַזוֹי וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת**". אַז מֶען ווִיל אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת דַארְף מֶען גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי; וִוינְטֶער קֶען מֶען שׁוֹין דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב פַאר זֶעקְס אַזֵייגֶער, מֶען גֵייט גְלַייךְ שְׁלָאפְן, אוּן עֶלְף אַזֵייגֶער שְׁטֵייט מֶען שׁוֹין אוֹיף, מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה אוּן מֶען זָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת. דָאךְ פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן אוֹיפְבְּלַייבְּן, עֶר פְלֶעגְט וַוארְטְן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער בִּיז זֵיי זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה, פוּן חֵדֶר, וַוייל עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת בַּיים עֶסְן, אוּן צוּ זָאגְן אֲשֶׁר יָצַר. דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר קֶענֶען עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה אַ גַאנְצְן טָאג.

### לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אִיז מֶער וִוי לֶערְנֶען פַאר זִיךְ

וָואס קֶען זַיין גְרֶעסֶער וִוי דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן זִיצְן מִיט קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען הֲלָכוֹת, יִרְאַת שָׁמַיִם, דַאוֶוענֶען אוּן מַאכְן בְּרָכוֹת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "**אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּים אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן**", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן דִי טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, וַוייל זֵייעֶר תּוֹרָה אִיז "**הֶבֶל שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא**", דִי קִינְדֶער הָאבְּן נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט; דָאס אַז אַ קִינְד חָלוֹמְ'ט בַּיים דַאוֶוענֶען אָדֶער עֶר פַארְקְלָאצְט זִיךְ בַּיים לֶערְנֶען, אִיז נָאכְנִישְׁט קַיין עֲבֵירָה.

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "**דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד אִיז גֶעמַאכְט פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען גָארְנִישְׁט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, דוּ זִיצְט דָאךְ מִיט דִי קִינְדֶער אוּן דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי פְּסוּקִים חוּמָשׁ, מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא, דָאס אִיז אַסַאךְ חָשׁוּבְ'עֶר וִוי לֶערְנֶען פַאר זִיךְ, וַוייל עֶס אִיז תּוֹרַת חֶסֶד**". וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה מט:): אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כו): "**פִּיהָ פָּתְחָה בְחָכְמָה וְתוֹרַת חֶסֶד עַל לְשׁוֹנָהּ**", וָואס אִיז תּוֹרַת חֶסֶד אוּן וָואס אִיז נִישְׁט קַיין תּוֹרַת חֶסֶד? "תּוֹרָה לְלַמְּדָהּ - זוֹ הִיא תּוֹרָה שֶׁל חֶסֶד", וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער; אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נָאר אֵיין פָּסוּק חוּמָשׁ, אַ קְלֵיינֶע רַשִׁ"י, אַ מִשְׁנָה, אַפָּאר שׁוּרוֹת גְמָרָא - אִיז עֶס תּוֹרַת חֶסֶד, "**שֶׁלֹּא לְלַמְּדָהּ - זוֹ הִיא תּוֹרָה שֶׁאֵינָהּ שֶׁל חֶסֶד**", וֶוען מֶען לֶערְנְט פַאר זִיךְ - אִיז עֶס נִישְׁט תּוֹרַת חֶסֶד.

### אַ גֶעפִיל וָואס אִיז נִישְׁטָא בַּיי אַ צְוֵייטֶע אַרְבֶּעט

מֶען דַארְף זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶּה זַיין אוּן מוֹרָא'דִיג מְשַׂמֵּחַ זַיין אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער. מֶען דַארְף פוּן דֶעם שֶׁעפְּן סִיפּוּק: 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס גֶעטוּן דִי יָאר, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט קִינְדֶער'.

וֶוען אִיךְ הֶער מְלַמְּדִים זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער מִיט פַּרְנָסָה אוּן זֵיי טְרַאכְטְן צוּ זוּכְן אַ צְוֵייטֶע אַרְבֶּעט, זָאג אִיךְ זֵיי: "**קֶענְסְט גֵיין אַרְבֶּעטְן וואוּ דוּ ווִילְסְט, אָבֶער סִיפּוּק - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ; דֶער גֶעפִיל וָואס אַ מְלַמֵּד שְׁפִּירְט: 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס אוֹיפְגֶעטוּן דִי יָאר' - אִיז נִישְׁטָא עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז פַּרְנָסָה אִיז פַאר יֶעדְן שְׁוֶוער, נִישְׁט נָאר פַאר מְלַמְּדִים** (עַיֵּין קִידּוּשִׁין פב.)".

## דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער

מְלַמְּדִים אַרְבֶּעטְן טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער, מֶען וֶוערְט גוּט אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁט, בִּיז מֶען זֶעט שְׁטֶערְנְס... אָבֶער עֶס לוֹינְט זִיךְ, וַוייל מֶען שְׁפִּירְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע סִיפּוּק.

### אַן אֵיינְשְׁפְּרִיץ פוּן חַ"י רוֹטְל מַשְׁקֶה...

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, עֶטְץ זָאלְסְט ווִיסְן אַז אַ מְלַמֵּד קֶען אַמָאל טוֹישְׁן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ מִיט אֵיין קְלֵיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה אוֹיף אַ מְלַמֵּד פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד. בַּיי זֵיי אִין דִי מִשְׁפָּחָה אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז יֶעדְן חוֹל הַמּוֹעֵד דִינְגְט מֶען אַ כֵּלִי וָואס מֶען קֶען אוֹיף דֶעם זֶען ווִידִיאוֹס, אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה קוּמְט זִיךְ צוּזַאם בַּיי דִי זֵיידֶעס הוֹיז אוּן מֶען קוּקְט אַ אִידִישֶׁע שְׁפִּיל.

אַפָּאר טֶעג פַאר יוֹם טוֹב הָאט זַיין אִינְגְל גֶעהֶערְט וִוי זַיין מַאמֶע רֶעדְט פוּן דִי פְרֵיילִיכֶע נַייעֶס אַז מֶען גֵייט שׁוֹין דִינְגֶען דֶעם כֵּלִי וואוּ מֶען גֵייט קוּקְן דֶעם אִידִישְׁן שְׁפִּיל, רוּפְט זִיךְ דֶער אִינְגְל אָן צוּ זַיין מַאמֶע: "**מַאמִי, דוּ גֵייסְט אוֹיךְ טוּן דָאס וָואס מַיין רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן זַיין קְלוּגֶע מַאמֶע?**" דִי מַאמֶע פְרֶעגְט אִים: "**וָואס הָאט דַיין רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פוּן זַיין קְלוּגֶע מַאמֶע?**" דֶערְצֵיילְט דֶער אִינְגְל אַז זַיין רֶבִּי הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט: "**אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ קְלוּגֶע מַאמֶע, יֶעדֶעס מָאל וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶועזְן אַלְס קִינְד בַּיי אוּנְזֶער זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע, אוּן זֵיי הָאבְּן אוּנְז גֶעוָואלְט וַוייזְן אַ וִוידִיאוֹ, פְלֶעגְט מִיר מַיין מַאמֶע אַרוֹיסְרוּפְן אִינְדְרוֹיסְן אוּן זִי פְלֶעגְט**

**מִיר זָאגְן: 'קוּם שְׁמוּעֶסְן מִיט מִיר', אַזוֹי הָאט זִי אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן דִי סָארְט זַאכְן, אוּן זִי הָאט עֶס גֶעטוֹן מִיט חָכְמָה, זִי הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט 'מֶען טָאר דָאס נִישְׁט קוּקְן', נָאר זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט מִיט לִיבְּשַׁאפְט, 'קוּם שְׁמוּעֶסְן מִיט מִיר...'".**

דֶערְצֵיילְט מִיר דֶער טַאטֶע: **"מִיר הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער קִינְד הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן אַיינְשְׁפְּרִיץ פוּן ח"י רוֹטְל מַשְׁקֶה... מִיר הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט אַז דָאס אִיז עֶס, מִיר גֵייעֶן נָאכְטוֹן וָואס זַיין מְלַמֵּד'ס מַאמֶע הָאט גֶעטוֹן, מִיר גֵייעֶן אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער".**

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער מְלַמֵּד גֶעדֶענְקְט שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט אַז עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן בְּשָׁעַת עֶר הָאט עֶס דֶערְצֵיילְט הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז דֶער אִינְגְל הֶערְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּ, אוּן זִיכֶער אִיז אִים נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין בַּאטְרַאכְט אַז דֶער אִינְגְל גֵייט עֶס נָאךְ אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן אִינְדֶערְהֵיים פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר מִיט דֶעם גֶעטוֹישְׁט אַ גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פַארְן לֶעבְּן.

## מִיט יֶעדֶעס וָוארְט טוּט מֶען אוֹיף גָאר אַסַאךְ

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים; אַ מְלַמֵּד זִיצְט זִיךְ אִין כִּתָּה זַייעֶר פָּשׁוּט, מִיט זַיין חֶדֶר הוּט אוּן זַיין חֶדֶר רֶעקְל, מִיט זַיינֶע קֶענְדִים וָואס הֶעלְפְן נִישְׁט צוּ ווערְן הַייזֶעריג, מִיט זַיין קַאוֶוע אוּן גֶעזוּנְטֶע צוּקֶער... אוּן עֶר רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן בִּקְדֻשַּׁת הַיְּסוֹד אוּן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן עֶר מֵיינְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, ווייל מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט זֶען אוֹיבּ דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן קֵיינֶער קוּמְט אִים דָאךְ נִישְׁט זָאגְן: **"רֶבִּי אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוֶוען בַּיי מַיין פֶעטֶערְ'ס הוֹיז אוּן אֵיינֶער הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט אָנְרִירְן אוּנְטֶער מַיינֶע קְלֵיידֶער, אוּן ווייל דֶער רֶבִּי הָאט נֶעכְטְן גֶערֶעדְט דֶערְפוּן, הָאבּ אִיךְ גֶעווּאוּסְט אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ הִיטְן"**, מִיר דַארְפְן אָבֶּער גְלֵייבְּן אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מִיט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער - טוּט מֶען אוֹיף גָאר אַסַאךְ.

לָאמִיר דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס זֵיי וֶועלְן פוּן דֶעם קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ מוּסַר הַשֵּׂכֶל. דֶערְצֵיילְט זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט עֶנְק, אַז עֶטְץ הָאטְס מְוַתֵּר גֶעוֶוען אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, אוּן ווי שֵׁיין עֶס הָאט זִיךְ צוּם סוֹף גֶעלוֹינְט.

## דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז דַאווְנֶען

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, אִיךְ ווִיל עֶנְק בֶּעטְן עֶטְץ זָאלְטְס אַרַיינְלֵייגְן דִי גַאנְצֶע כֹּחַ אִינֶעם דַאווְנֶען.

אַ מְלַמֵּד אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אִיבֶּערְגֵיין מִיט אִים זַיין סֵדֶר הַיּוֹם פוּן חֶדֶר. הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר צֶעטֵיילְט דָאס דַאווְנֶען אִין צְווֵיי; קוֹדֶם דַאווְנְט מֶען בִּיז בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען לֶערְנֶען, נָאכְן לֶערְנֶען נֶעמְט מֶען צוּרִיק אַרוֹיס דִי סִדּוּרִים אוּן מֶען דַאווְנְט פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר אוּן וַוייטֶער.

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל דָאס טוֹישְׁן, מֶען זָאל דַאווְנֶען דָאס גַאנְצֶע דַאווְנֶען אִין אֵיין צִי, דָאס דַאווְנֶען דַארְף זַיין דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פוּן טָאג, ווייל דָאס גֵייעֶן דִי קִינְדֶער מִיטְנֶעמֶען פַאר זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, לְאֹרֶךְ יָמִים וְשָׁנִים.

מֵילָא אַ מְלַמֵּד פוּן יוּנְגֶע קִינְדֶער, פוּן כִּתָּה א' אוּן ב', וָואס שְׁפִּירְט אַז דָאס דַאווְנֶען אִיז אִים צוּ לַאנְג, אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר צֶעטֵיילְט דָאס דַאווְנֶען אִין צְווֵיי, אָבֶּער עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער - פוּן כִּתָּה ג' אוּן אַרוֹיף, דַארְף מֶען שׁוֹין דַאווְנֶען דָאס גַאנְצֶע דַאווְנֶען אוֹיף אֵיין מָאל.

## אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ וַואשְׁן דִי הֶענְט פַארְן דַאווְנֶען

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט פַאר מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאווְנֶען.

מֶען קֶען זֶען בַּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט אוּן אֲפִילוּ עֶלְטֶערֶע אִידְן וָואס וַואשְׁן זִיךְ נִישְׁט דִי הֶענְט פַארְן דַאווְנֶען, ווייל מֶען הָאט זֵיי עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַלְס קִינְד.

## דַאווְנֶען צוּזַאמֶען מִיט דִי קִינְדֶער

מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִינֶעם דַאווְנֶען אַ חִיּוּת אוּן אַ גֶעשְׁמַאק, אוּן דַאווְנֶען מִיט שֵׁיינֶע נִיגוּנִים.

דֶער מְלַמֵּד זָאל זִיךְ אָנְטוֹן זַיין הוּט אוּן זַיין גַארְטְל אוּן דַאווְנֶען צוּזַאמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, מִיטְזָאגְן מִיט זֵיי דִי פְּסוּקִים פוּן אַשְׁרֵי אוּן הַלְלוּיָ-הּ אוּן וַיּוֹשַׁע.

אִיךְ ווייס אַז עֶנְק הָאבְּן שׁוֹין גֶעדַאווְנְט שַׁחֲרִית אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן עֶטְץ ווילְטְס יֶעצְט אַרַיינְכַאפְּן צוּ זָאגְן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּשָׁעַת דִי קִינְדֶער דַאווְנֶען, דָאךְ בֶּעט אִיךְ עֶנְק מֶען זָאל עֶנְדֶערְשׁ נָאכְאַמָאל דַאווְנֶען צוּזַאמֶען מִיט דִי קִינְדֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיא): **"אִם הָיוּ מַנִּיחִין מֵת לָעוֹלָם הַזֶּה לְהִתְפַּלֵּל, בְּוַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל יָפֶה יָפֶה בְּכָל כֹּחוֹ"**, ווען מֶען גֶעבְּט ווען רְשׁוּת פַאר אַ נִפְטָר אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פוּן קֶבֶר צוּ דַאווְנֶען נָאךְ אֵיין תְּפִלָּה, אוֹי ווי שֵׁיין עֶר וָואלְט גֶעדַאווְנְט; עֶר וָואלְט גֶעבְּלִיבְּן דַאווְנֶען דִי אֵיין תְּפִלָּה אַ גַאנְצְן טָאג.

## טֵיילְן קַארְטְלֶעךְ פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דַאווְנֶען שֵׁיין

מֶען קֶען אַרַיינְזִינְגֶען דָאס דַאווְנֶען אִין אַ רֶעקָארְדֶער, אוּן עֶס אָנְצִינְדְן ווען דִי קִינְדֶער דַאווְנֶען, אַזוֹי ווֶעט מֶען קֶענֶען אַרוּמְגֵיין צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער אוּן מַאכְן אַ מַצָּב אוּן אַ חִיּוּת פוּנֶעם דַאווְנֶען, דוּרְכְן טֵיילְן קַארְטְלֶעךְ פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דַאווְנֶען שֵׁיין.

## שְׁמַעְתָּא בָּעֲיָא צִילוּתָא

אַמָאל טְרַאכְט אַ מְלַמֵּד: 'הַיינְט דַארְף מֶען דַאווְנֶען שְׁנֶעל, אָדֶער זָאל מֶען אוֹיסְלָאזְן אַפָּאר שְׁטִיקְלֶעךְ פוּנֶעם דַאווְנֶען, וַוייל מֶען דַארְף הַיינְט לֶערְנֶען אַ טִיפֶע תּוֹסְפוֹת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין צַייט פַאר אַ לַאנְגֶע דַאווְנֶען', זָאלְט עֶטְץ ווִיסְן אַז עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיבּ קוּמְט אַ שְׁווֶערֶע לִימוּד - דַארְף מֶען הֶערְשְׁט דַאווְנֶען שְׁטֵייט, אוּן אֲפִילוּ צוּלֵייגְן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל צוּם דַאווְנֶען, כְּדֵי צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען. צַדִּיקִים טַייטְשְׁן דֶעם מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְגִילָה כח:): **"שְׁמַעְתָּא בָּעֲיָא צִילוּתָא"**, צִילוּתָא אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן דַאווְנֶען; מֶען דַארְף דַאווְנֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען (עַיֵּין דִּבְרֵי תּוֹרָה לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ מִמּוּנְקַאטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מַהֲדוּרָה קַמָּא, אוֹת פב).

## פַארְ'חָלוֹמְ'ט אִיז נִישְׁט קֵיין חוּצְפָּה

אוֹיבּ אַ קִינְד הָאט זִיךְ פַארְ'חָלוֹמְ'ט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעמִישְׁט דֶעם סִידּוּר גְלַייךְ ווען מֶען הָאט גֶעהֵייסְן, דַארְף מֶען אִים נָאכְנִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, אוּן עֶס קוּמְט אִים נָאכְנִישְׁט קֵיין סְקִילָה.

אֲפִילוּ אָנְהֵייבּ יָאר וָואס מֶען דַארְף זַיין מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין אִין כִּתָּה, אִיז דָאס נָאר בְּנוֹגֵעַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אַנֶערְקֶענֶען אִינֶעם מְלַמֵּד, אַז מֶען דַארְף טוֹן וָואס עֶר הֵייסְט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן ווען עֶר רֶעדְט, אָבֶּער אַז אַ קִינְד הָאט זִיךְ פַארְ'חָלוֹמְ'ט, מֶען הָאט עֶפֶּעס גֶעהֵייסְן אוֹיפְמִישְׁן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעמִישְׁט,

## הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

מֵיינְט דָאס נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה.

גֶעדֶענְקְט דֶעם כְּלַל: מֶען מוּז נִישְׁט אַלֶעס זֶען, אוּן מֶען מוּז זִיךְ נִישְׁט אַ גַאנְצְן טָאג קְרִיגְן מִיט דִי קִינְדֶער.

### אַ גֶעשְׁמַאקֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין כִּתָּה

טַייעֶרֶע מְלַמְדִים, מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אַ חִיּוּת אִין דִי קִינְדֶער, דִי לוּפְט אִין כִּתָּה זָאל זַיין גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵייליךְ.

מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: **"יוֹאֵל [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א], דוּ בִּיסְט צוּ עֶרְנְסְט, דִי בָּחוּרִים קֶענֶען זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן דִיר"**. אִיךְ דַארְף טַאקֶע תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם, וַוייל אַזוֹי וִוי עֶס לִיגְט אוֹיף מִיר אַסַאךְ זַאכְן, קֶען אִיךְ אַמָאל פַארְגֶעסְן צוּ גְרִיסְן אַ מֶענְטְשׁ אָדֶער נִישְׁט צוּרִיק גְרִיסְן מִיטְן גַאנְצְן רוּאִיגְקֵייט, אוּן אִיךְ בֶּעט טַאקֶע יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין יְשִׁיבָה.

### נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ וָואס דִי קִינְדֶער זָאגְן

אִיךְ וִויל רֶעדְן פוּן אַ נְקוּדָה וָואס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מְלַמְדִים צוּ וִויסְן.

וֶוען אַ קִינְד גֶעבְּט אַ שְׁמֵייכְל אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט לוֹיטְן חֶשְׁבּוֹן אַז עֶר הָאט דָא גֶעמֵיינְט צוּ אָפְלַאכְן, אָדֶער אַז אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן: **"דֶער רֶבִּי הָאט אַ מָאדְנֶע בָּארְד"**, אָדֶער מֶען הֶערְט וִוי קִינְדֶער שְׁמוּעֶסְן: **"דֶער פַארְיֶערִיגֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ בֶּעסֶער"**, **"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ דֶער רֶבִּי"**, **"דֶער רֶבִּי אִיז צוּ שְׁטְרֶענְג"**, **"דֶער רֶבִּי אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער רֶבִּי"**, טָאר מֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּם הַארְץ, מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן פוּן דֶעם אַן עֵסֶק.

מֶען דַארְף עֶס אוֹיסְהֶערְן אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעוֶוען אַ דְרִיטֶער מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט וִוי קִינְדֶער רֶעדְן אוֹיף זֵייעֶר מְלַמֵּד אוֹיף זֵייעֶר קִינְדֶערִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, אוּן מֶען דַארְף וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְן טָאג, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"יֶעדֶער נֶעמְט אַרוֹיס דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא"**, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען.

### אַ גוּטֶע תְּפִלָּה פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה

טַייעֶרֶע מְלַמְדִים, מִיר גֵייעֶן קוּמֶען צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט גוּטֶע פֶּעק אוּן זֶעק פוּן זְכוּתִים, פוּן דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען אַ גַאנְץ יָאר גֶעזִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי.

מִיר וֶועלְן קֶענֶען זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, קוּק מַיין אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁטֶע טֶעג, מַיין אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁטֶע קֶערְפֶּער, יֶעדֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע בֵּיינְדְל, מַיין הֵייזֶערִיגֶע שְׁטִימֶע, דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּם וַואנְט אוּן קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט, אוּן אַלֶע פְּסָקִים וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן עֶלְטֶערְן, בִּזְכוּת דֶעם זָאלְסְטוּ מִיר פַארְשְׁרַייבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר"**.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## בְּרֵיְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מֶעג מֶען זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן בַּיים לֶערְנֶען עִבְרִי מִיט קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אַ קְלֵיינֶע שְׁאֵלָה; אִיךְ בִּין אַן עִבְרִי מְלַמֵּד, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט א-ב אוּן נְקוּדוֹת מִיט קִינְדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ נַארִישׁ מִיט כָּל מִינֵי קִינְדֶערִישֶׁע סִימָנִים, קִינְדֶערִישֶׁע וִויצְן, אוּן דָאס גְלַייכְן, - אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן אוּן גֶעדֶענְקֶען דִי אוֹתִיּוֹת אוּן נְקוּדוֹת.

אִיךְ פִיר זִיךְ אַז וֶוען אִיךְ עֶנְדִיג דִי צוּרוֹת פוּן דִי נְקוּדוֹת כְּסִדְרָן, זִינְג אִיךְ וַוייטֶער מִיט דִי נְקוּדוֹת נִיגוּן: "אַ פִּינְטְל אִינְמִיטְן, אִיז אַ מְלָאפוּם", אַזוֹי גֵייט אַרַיין אִין קָאפּ אַ סִימָן אוֹיף דִי מְלָאפוּם. אָבֶּער אַסַאךְ מָאל מַאכְט אִיךְ זִיךְ נַארִישׁ אוּן וֶוען אִיךְ זִינְג מִיט דִי קִינְדֶער מַאךְ אִיךְ בְּדַוְקָא אַ טָעוּת אוּן אִיךְ זִינְג "אַ 'פִּימְפְּל' אִינְמִיטְן, אִיז אַ מְלָאפוּם", אוּן דִי קִינְדֶער לַאכְן. נָאכְדֶעם זָאג אַז נֵיין, עֶס אִיז אַ טָעוּת, מֶען דַארְף זָאגְן פִּינְטְל אוּן נִישְׁט פִּימְפְּל; אִיז דָאס אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לָאזְט זִיךְ אַזוֹי אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער, דוּ מַאכְסְט זֵיי אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט - זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דִי א-ב, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען.

וֶוען מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן אַ צַדִּיק וִוי עֶר לָאזְט זִיךְ אַזוֹי אַרָאפּ צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש אַלְץ גֶעבְּן דִי מָשָׁל פוּן אַ גוּטֶער מְלַמֵּד. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "אַ גוּטֶער מְלַמֵּד אִיז דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער, עֶר זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיפְן עֶרְד, עֶר מַאכְט מִיט דִי שְׁפִּילְצֵייג אַן אוֹת אַלֶף, אַזוֹי גֵייט עֶס אַרַיין אִין דִי מֹחַ פוּן דִי קִינְדֶער. וֶוען מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן דָאס, זֵיי קוּקְן אַרַיין אִין פֶּענְסְטֶער פוּן דִי כִּתָּה אוּן זֶעעֶן וִוי דֶער מְלַמֵּד שְׁפִּילְט זִיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד, פְרֶעגְן זֵיי: 'וָואס גֵייט פָאר? דֶער אִיז אַ נָארְמַאלֶער מְלַמֵּד? עֶר שְׁפִּילְט מִיט דִי קִינְדֶער?' דֶער מְנַהֵל עֶנְטְפֶערְט זֵיי: 'וַוארְט, וֶועט אִיר אַלֵיינְס זֶען, אַייעֶר קִינְד וֶועט אַהֵיים קוּמֶען אוּן וֶועט קֶענֶען דִי א-ב, - דֶעמָאלְט זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, עֶר לָאזְט זִיךְ אַזוֹי אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער בִּיז זֵיי כַאפְּן אוֹיף גוּט דֶעם לִימוּד. אַזוֹי אִיז אַ צַדִּיק, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר אִיז נַארִישׁ; עֶר רֶעדְט, עֶר שְׁמוּעֶסְט, עֶר לַאכְט, עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי תַּלְמִידִים, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי תַּלְמִידִים גֵייעֶן אַהֵיים, זֵיי הוֹיבְּן אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הוֹיבְּן אָן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה - דָאס אִיז אַלֶעס דֶער כֹּחַ פוּנֶעם צַדִּיק".

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַלְץ מְחַזֵּק זַיין מְלַמְדִים מִיט דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, הָאט מֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר רֶעגְן, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעגֶענֶען, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדְּקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ,

# בְּרִיוון פון חִינוּךְ

פונעם ראש ישיבה שליט"א

וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד, אִיךְ קוֹיף אִים אוּנְטֶער; אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִּישׁ טַאנְק אוּן אִיךְ בְּרֶענְג אִים מְשַׁכְנֵעַ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים ווַייזְן דִי פִּישֶׁעלֶעךְ אוּן דוּרְכְדֶעם הוֹיבְּט עֶר אָן לֶערְנֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ מְלַמֵּד וָואס לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען.

פִּינְטְל, פִּימְפְּל, סִימְפְּל אוּן דִימְפְּל, - נִישְׁט קֵיין חִילּוּק וָואס דוּ זָאגְסְט, דֶער עִיקָר דִי קִינְדֶער זָאלְן גוּט אוֹיפְכַאפְּן דִי הֵיילִיגֶע א-ב, זֵיי זָאלְן קֶענֶען גוּט לֵיינֶען, אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת כי תשא, שנת תשפ"ב)

## מאךְ יעדן קינד פאר א העלד, האב ליב יעדן קינד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

וֶוער נִישְׁט פַּארְלוֹירְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ. גֶעדֶענְק דַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרַא"שׁ לֶערְנְט אוּנְז; אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד, קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט לֶערְנֶען, קִינְדֶער ווִילְן נָאר שְׁפִּילְן, אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מַאכְן לֶערְנֶען, אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מַאכְן פָּאלְגְן.

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אַ טַאטֶע זָאגְט דִיר אַז דִי קִינְדֶער זָאגְן: "דִי יָאר הָאבְּן מִיר נִישְׁט מוֹרָא, ווַייל דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט שְׁטְרֶענְג, דֶער רֶבִּי שְׁלָאגְט נִישְׁט, דֶער רֶבִּי טוּט גָארְנִישְׁט"; וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ פוּן וָואס דִי קִינְדֶער זָאגְן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וָואס עֶלְטֶערְן זָאגְן דִיר.

וֶוען עֶלְטֶערְן רוּפְן דִיךְ מִיט טַעֲנוֹת - זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי זָאגְן; הֶער פוּן זֵיי אִינְפָארְמַאצְיֶע, הֶער צוּ יֶעדֶעס וָוארְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; זָאלְסְט נֶעמֶען דִי לִימוּדִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, דִי לִימוּדִים פוּן מוֹהֲרַא"שׁ אוּן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט וַוייטֶער זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל. יֶעצְט אִיז אִינְמִיטְן נַאכְט, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעצְט נָאכְן פָארְן אַ לַאנְגֶע וֶועג; אִיךְ הָאף מָארְגְן צוּ מַאכְן אַ בַּאזוּךְ בַּיי דִיר אִין כִּתָּה, דִיר מְחַזֵּק זַיין.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם קִינְד הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס דוּ זָאגְסְט אַז עֶר אִיז דִיר נִישְׁט גוֹרֵס, עֶר אִיז קַאלְט, טְרוּקְן וְכוּ' וְכוּ'; ווִיל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז דַיין זוּן? וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז דַיין בְּרוּדֶער? חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אוֹיף אַ אִידִישׁ קִינְד עֶר אִיז אַ קַאלְטֶער, אַ טְרוּקֶענֶער וְכוּ' וְכוּ', דִי אַלֶע נֶעמֶען; דוּ רֶעדְסְט אַזוֹי ווִי דִי פְּלִשְׁתִּים וָואס הָאבְּן פַּארְשְׁטָאפְּט אַלֶע בְּרוּנֶעמְס וָואס דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת הָאבְּן גֶעגְרָאבְּן, אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִיז צוּ גְרָאבְּן בַּיי יֶעדְן אִיד אוּן טְרֶעפְן אַ בְּרוּנֶעם וַואסֶער, מַיִם חַיִּים; נִישְׁט פַּארְשְׁטָאפְּן חַס וְשָׁלוֹם.

אַז אַ קִינְד אִיז פַּארְמַאכְט, פַּארְשְׁלָאסְן - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר גֵייט אַרִיבֶּער עֶפֶּעס אַ שְׁוֶועריקַייט אִין לֶעבְּן. פֶּערְצוּפָאל הָאלְט אִיךְ מִיט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, עֶר קוּמְט פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבּ, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען עֶרְגֶעץ אִין אַ צְווַייטֶע פְּלַאץ, דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע יָארְן; אַלֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער זֶענֶען אַזוֹי גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט מִיט דִי גֶעשְׁווִיסְטֶער.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ דִיר אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ זַיין פוּן אוּנְזֶער אַרְמֵיי - זָאלְסְטוּ זַיין אַ גוּטֶער סָאלְדַאט, אַ בְּרַאוֶוער גֶענֶעראַל אוּן נִישְׁט לָאזְן חַס וְשָׁלוֹם קֵיין אֵיין קִינְד בַּלַייבְּן פַּארְשְׁטָאפְּט. זוּךְ אַ גְרוּבֶּעלֶע בַּיי אִים אִין הַארְץ, זוּךְ וַואסֶער. קוּם מִיר דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה וָואס דִי עַבְדֵי אָבוֹת הָאבְּן דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית כו, לב) "מָצָאנוּ מָיִם!" זוּךְ אִין אִים אַ פְּלַאץ, מַאךְ אִים אַ הֶעלְד, מַאךְ יֶעדְן קִינְד פַאר אַ הֶעלְד, הָאבּ לִיבּ יֶעדְן קִינְד, וּבִפְרַט דִי קִינְדֶער וָואס עֶס דַארְף נָאךְ אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי אַסַאךְ אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ נָאכְמֶער לִיבּ הָאבְּן.

לֵייג אַוֶועק אַלֶעס, לָאז אָפּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים, לָאז אָפּ אַלֶעס; יֶעצְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען מִלְמְדוּת פַאר דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. זַיי פֶעלְזְן פֶעסְט, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן פוּן קֵיינֶעם, אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מֵאַף אֶחָד שֶׁבָּעוֹלָם! לֶערְן אוֹיס דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, לֶערְן זֵיי אוֹיס צוּ זַיין הֵיילִיג.

אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין, עֶצָתוֹ אֱמוּנָה; דָאס זָאל זַיין דַיין וֶועג וַוייטֶער, דַיין חִיזּוּק, דַיין מוּסָר סֵפֶר, דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסֵדֶר.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר שְׁטֶענְדִיג.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויחי, שנת תשפ"ב)


חינוך אפטיילונג
אויף קול ברסלב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעסים; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876